בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ז

450

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מַיין וַוייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בַּאגְרָאבּ זִיךְ פַּאר בּוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּרִיעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מַיין וַוייבּ; וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעקֶענְט טוּן? אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִּילְט מִיט חֲרָטָה גֶעפִּילְן, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען בַּאַווייזְן מַיין פָּנִים פַּארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען אִיךְ קוּם צוּ אִים אִין אוּמַאן אִין קוֹים אַ וָואךְ אַרוּם?

בָּרוּךְ ה' אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן מַמָּשׁ פוּן אֵיין עֶק צוּם אַנְדֶערְן, אָבֶּער נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן; דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען, מִקְוֶה, הֲפָצָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶוען וֶועל אִיךְ אָבֶּער שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מֶער פְּנִימִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, וִוי זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִינְדֶערְהֵיים, צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹי וֵויי, וָואס אִיז מִיט דִיר, וִוי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ – מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ וַוייבּ? מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט

דֶער צַדִיק אַפִּיר גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן דִי זַייט אוּן אִים פָארְגֶערְהַאלְטְן: "אוֹיף אַ וַוייבּ שְׁרֵייט מֶען?! צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן וֵוייךְ, אֵיידֶל אוּן שֵׁיין".

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ, שְׁרֵיי נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען כַּעַסְ'ט זִיךְ - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּבּ. אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיף דֶעם זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג), אַז מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע נֶערְוֶוען פוּן דִיר. זוּךְ אַ וִוינְקֶל וואו זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוֹיף מַיין וַוייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר, דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ אוּן דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אוֹיךְ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אִיךְ וִויל - זָאל אִיךְ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ'ן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבּ"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזוֹינְס נָאכְאַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## ווי אַזוֹי טֵיילְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן?

**שְׁאֵלָה:**

שוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיין שִׁיעוּרִים, אָבֶּער נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי אוּמַאן צַאמְקוּם אוּן גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁפִּילְט, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ בִּין אַרוֹיס מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת; נָאר צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - מַאכְט רוּאִיג אוּן דֶערְמַאנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ

בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ וִויל אַוֶועקְוַוארְפְן מַיין טֶעלֶעפָאן, אָבֶער אִיךְ הָאב נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט עֶס צוּ טוּן, אִיךְ פִּיל אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַ חֵלֶק פוּן מִיר; אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר נָאר אַוֶועקְצוּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין דִי זַייט פַאר אַפָּאר שָׁעָה אִין טָאג.

מִיר גֵייעֶן בֵּיידֶע שְׁלָאפְן מִיט דִי טֶעלֶעפָאנְס, אוּן אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז נָאר שַׁבָּת קֶענֶען מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען, נָאר פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס קֶענֶען מִיר רֶעדְן נָארְמַאל אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן אוּן הָאבְן עֶפֶּעס שַׁיְיכוּת, אוּן נָאכְדֶעם זָאג אִיךְ נָאךְ אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס גֶעשֶׁעט צוּ מִיר, פַארְוָואס הָאב אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ? פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶסִירְט אִין מַיין מַאן? פַארְוָואס הָאב אִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִים? אַז אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג מִיט מַיין טֶעלֶעפָאן אוּן עֶר וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְן צְוֵייטְן - קוּקְט מֶען אַוַדַאי אַזוֹי אוֹיס. אִיךְ וִויל זֵייעֶר אָנְהֵייבְן קוֹדֶם אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיינַאכְט וֶוען מַיין מַאן אִיז אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ גְלֵייב אַז בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ עֶס נָאךְ אַוֶועקְלֵייגְן אִינְגַאנְצְן.

נָאךְ אַ זַאךְ, נָאךְ יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, טְרַאכְט אִיךְ אַז הַיינְט גֵיי אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר; יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אוֹיסְהֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, ווייל כָּל זְמַן מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הֶערְט דִי זִיסֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - צִיט מֶען זִיךְ אַלְץ צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, מֶען פַאלְט נָאךְ צוּרִיק, דָאךְ הָאבְּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אַזַא כֹּחַ אַז דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען וֶוערְט בַּיים סוֹף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דִי טֶעלֶעפָאן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה וָואס אִיז נָאר אַמָאל גֶעוֶוען; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָא הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכַת דִּילֵיהּ גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי צוּ שְׁנַיידְן שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע וַוייבְּלֶעךְ קִילְן זִיךְ אָפּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן תְּמִימוּת דוּרְךְ דִי סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, אוּן וֶוער עֶס וִויל זִיךְ נִישְׁט נַארְן - וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, אַז דִי טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִי תְּמִימוּת.

יֶעצְט קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג; רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן דִי הַקָּפוֹת, אִיז דָא אַ הֵיילִיגְקֵייט אוּן אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ פַאר יֶעדְן אִיד זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וואו עֶר אִיז פַארְכַאפְּט; זָאלְט אִיר אִין דִי טֶעג וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיין נְשָׁמָה? וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיינֶע דוֹרוֹת? אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְלָאשְׁן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, אִיךְ הָאבּ אַ טֶעלֶעפָאן, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז גוֹרֵם אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט דָאס אַוֶועק צוּ וַוארְפְן, עֶס צִיט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ, אוֹיךְ דָאס קוּקְן מָאוּוִיס; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּן דֶעם, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעבִּינְדְן מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיר אַ נֵס, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאלְגְן דִי צַדִּיקִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן".

אִיךְ בִּין זִיכֶער, אַז אִיר וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס - דָאס הֶערְן שִׁיעוּרִים וִוי מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, צְוֵוייטְנְס - אִיר וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִילָּה - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּיקֶת אוּן צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, זַיין אַ מַאמֶע פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, בִּזְכוּת הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ו', עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

...

בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דוּ הֶעלְפְסְט דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה - זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

וּבְעִיקָר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער הָאבְּן דִי גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק - פַאר דִי וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

נֶעמְט זִיךְ פָּאר לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג; דָאס וֶועט אַייךְ בַּאשִׁיצְן פוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי יְסוּרִים. וַוייל דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס טוּט בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): "חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶס, "כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", אַזוֹי וִוי עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטְס; פְרֶעגְן אַלֶע, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן פַארְן מֶענְטְשׁ דַאנְק און לוֹיב אוֹיף שְׁלֶעכְטְס מִיט דִי זֶעלְבֶּע שִׂמְחָה וָואס מֶען דַאנְקְט אוֹיף גוּטְס? נָאר וָואס דֶען, מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'דַאנְק אוֹיף שְׁלֶעכְטְס, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס'.

אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ, מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וִידּוּי דְּבָרִים פַארְן צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטִיקְל בּוּשָׁה אָדֶער פַּחַד פוּן מִיר, אַ שָׁאד, אַ שָׁאד; אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ זַיין מֶער נָאנְט, אִיךְ פְלֶעג הַנָאָה הָאבְּן צוּ רֶעדְן מִיט דִיר און זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; מִי יִתֵּן עֶס זָאל צוּרִיק נִתְחַדֵּשׁ וְנִתְחַזֵּק וֶוערְן אוּנְזֶער שַׁיְיכוּת.

וֶוען מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן קֶען מֶען טוּן דִי עֵצָה פוּן וִידּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי צַדִּיק אֲמִיתִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד; סִימָן נ), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, און דָאס בְּרֶענְגְט דִי קְרֶענְק פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶענִישׁ, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה דָאס אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אִיז דוּרְךְ וִידּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי

הַצַּדִּיק, דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן אַלֶע עֲבֵירוֹת פַארְן צַדִיק; דָאס קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין אִין אוּמַאן בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַז דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּם צִיּוּן - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ ווִינְקֶל אוּן זִיךְ דָארְט מִתְוַודֶּה זַיין לִפְנֵי הַצַּדִּיק, דֶערְצֵייל אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל אַלֶעס אַלֶעס, אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן יֶעצְט, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק מִיט רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן רֵיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן; יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים צַדִיק צוּ הָאבְן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריא).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן דש), ווִי קֶענֶען עֶנְק דֶען תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה פַאר עֶנְק; דָאס הֵייסְט, אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה אַז עֶר וֶועט מְתַקֵּן זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע תְּשׁוּבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּן נִישְׁט טְרִינְקֶען בַּיים רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען פָארְט שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ שְׁרַייב דִיר אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אוּמַאן.

דְרֵיי זִיךְ בַּיי עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, גֵיי נִישְׁט בַּיי דִי שְׁטִיבֶער וואוּ מֶען גֶעבְּט צוּ טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל, גֶעדֶענְק וואוּ דוּ בִּיסְט, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זִיצְן בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט צוּרִירְן צוּ אַלְקָאהָאל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כו); נִישְׁט קַיין וַויין,

בִּיר אָדֶער בְּרוֹינְפְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי וָואס טֵיילְן עֶסְן אִין אוּמַאן, דִי וָואס מַאכְן הַכְנָסַת אוֹרְחִים - אוּן גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל - אִיז דָאס אַ חוּצְפָּה אוּן עַזּוּת; "הֲגַם לִכְבּוֹשׁ אֶת הַמַּלְכָּה עִמִּי בַּבָּיִת...?!" (אֶסְתֵּר ז, ח), וואו בִּיסְטוּ? דוּ בִּיסְט דָאךְ בַּיים רֶבִּי'ן אוּן דוּ טוּסְט פַּארְקֶערְט פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ?!

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֵייכֶערְן; ווִי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁטֵיין בַּיים צִיּוּן מִיט אַ צוּגְרֶעטְל אוּן אַ כּוֹס בִּיר, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעלָאזְט טוּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רעג; תעב), אוּן זָאלְסְט זִיכֶער נִישְׁט גֵיין בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען רֵייכֶערְט דְרָאגְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוֹי לָנוּ שֶׁכָּךְ עָלְתָה בְּיָמֵינוּ, אַז אִינְגֶעלַייט אָנְגֶעטוּן מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער, מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקִיטְשֶׁע - זָאלְן זַיין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אַזוֹי מְיוּאָשׁ, אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט - צוּ רֵייכֶערְן דְרָאגְס, אוּן פַּארְנַארְן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ פַּאר'סַמ'עֶן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער זוּן, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֵיי נִישְׁט בַּיי דִי מְסִיבּוֹת, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי שְׁטִיבֶּער, "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן" (מִשְׁלֵי ב, יט), פוּן דְרָאגְס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג אַרוֹיס; מֶען עֶנְדִיגְט נֶעבֶּעךְ יוּנְג דָאס לֶעבְּן, מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דוֹרוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט דוֹרוֹת - אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דִי נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## אוֹיךְ אִין אוּמַאן דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אִין אוּמַאן דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט צוּ וֶוערְן נִתְרַחֵק פוּן צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב), אַמָאל פַּאסִירְט וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין בַּיים צַדִּיק, דַיְקָא דָארְט

וֶוערְט מֶען נִתְרַחֵק דוּרְךְ לֵצִים, דוּרְךְ הֶערְן לֵיצָנוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס הָאבְּן מִיט פָּאלִיטִיק, גֵיי נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין אַ מִנְיָן וואוּ עֶס זֶענֶען דָא לֵצִים, גֵיי נִישְׁט צוּ זֵיי, זוּךְ אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע חֲבוּרָה וואוּ מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן חָכְמוֹת; אוּן זִיכֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז דִיךְ מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז דִיךְ מְחַזֵּק צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס סֶדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), זָאלְסְטוּ זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט זֵיי, אוּן זָאלְסְט וִויסְן אַז אוֹיךְ בַּיים צַדִּיק אִין אוּמַאן קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן דוּרְךְ הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע אוּן לֵיצָנוּת; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל אַמָאל קֶען אַ קְלֵיינֶע הַאנְט אַלֶעס פַּארְשְׁטֶעלְן, דָאס הֵייסְט, אַ לֵץ מַאכְט אַ תְּנוּעָה מִיט דִי הַאנְט, אַ תְּנוּעָה פוּן אַוֶועק מַאכְן, אוּן פַארְשְׁטֶעלְן אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גֵיי נִישְׁט זוּכְן נֵייעֶס אִין אוּמַאן, גֵיי נָאר צוּם צִיּוּן אוּן צוּ דַיין שׁוּל וואוּ דוּ דַאוֶוענְסְט, אוּן צוּ דַיין אַכְסַנְיָא; גֵיי נִישְׁט צוּ דֶעם אוּן יֶענֶעם, אִין אוּמַאן אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר דִי צִיּוּן, דִי ד' אַמּוֹת וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ זָאל דִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## גֵיי נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן אוּן נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נִיץ אוֹיס דִי פָּאר טֶעג וָואס דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִין אוּמַאן, גֵיי נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן אוּן נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן, וַוייל מִיט יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען גֵייט צוּם צִיּוּן אוּן מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע תִּיקּוּנִים, אַזוֹי

וִוי מוֹהֲרַנַ"ת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, אַז אֲפִילוּ דִי עוֹנֶשׁ פוּן מְגוּלְגָל וֶוערְן אִיז אַזוֹי גֶעפֶּערְלִיךְ - דָאךְ אִיז עֶר גְרֵייט מְגוּלְגָל צוּ וֶוערְן אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּתְנַאי אַז עֶר וֶועט קֶענֶען נָאכְאַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי; עַד כְּדֵי כַּךְ אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּחִינוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוּן דִּבְרֵי רִצּוּי, וְהָעִקָּר מִיטְן גֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם צִיוּן, אוּן מִיטְן זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע תִּיקוּנִים אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אָמֵן וְאָמֵן.

...

## אַ הֶערְלִיכֶע זוּמֶער אִין מַחֲנֶה לְהוֹדוֹת דְּחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ר' יוּדְל אֵיינְהָארְן נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע זוּמֶער וָואס אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם זוּמֶער אִין מַחֲנֶה לְהוֹדוֹת דְּחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב; סֵיי הֶערְשִׁי נֵרוֹ יָאִיר אוּן סֵיי יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר הָאבְּן אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אוּן דָאס אִיז אַלֶעס צוּ פַארְדַאנְקֶען דַיין גֶעטְרֵייעֶ הַארְצִיגֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט, מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן מִיר שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע טִיפּ, מִיט אַסַאךְ שֶׁעצוּנְג אוּן אַנֶערְקֶענוּנְג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ זִיסֶע יָאר מִיט נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאפְן לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם - וֶועסְטוּ דָארְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

מִשְׁפַּחַת ...

## פַארְוָואס בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר; דְרֵיי יָאר וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ אַז דוּ ווילְסְט אָפְּלָאזְן דִי מְלַמְּדוּת, אוּן אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל וַוארְטְן וְכוּ׳; בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן מְנַהֵל אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֵיין, אוּן יֶעצְט שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דוּ בִּיסְט פַארְוֵוייטָאגְט אוֹיף מִיר; פַארְוָואס? דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ ווילְסְט אַרַיינְגֵיין אִין בִּיזְנֶעס, מַאכְן אַסַאאַאאַאךְ גֶעלְט; אִיז וָואס בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר?

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן לֶערְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג בִּקְבִיעוּת הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט רֶעדְן אִין מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ פָּאר לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אֵיידְל, דָאס רֶעדְן אִין מִקְוֶה אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין אֵיידְלְקֵייט; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי אַלֶעמֶען, אָבֶּער דוּ בִּיסְט מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אֵיידְל מִיט צְנִיעוּת,

נִישְׁט רֶעדְן קַיין וָוארְט אִין מִקְוֶה, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן דִי הֵייסֶע מִקְוֶה פַאר דַיין גֶעזוּנְט – זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן צוּם וַואנְט, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

טוּ מִיר דִי טוֹבָה, מַאךְ מִיר דִי נַחַת; רֶעד נִישְׁט אִין מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען בִּיְחִידוּת, קוּם נִישְׁט שְׁטֶערְן אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ שִׁיקְן דֶעם בְּרִיוו אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ דַאוֶונֶען; דוּ שְׁטֶערְסְט דִי שׁוּל, דוּ רֶעדְסְט אוּן שְׁמוּעֶסְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל; אִיז מֶער טוֹבָה פַאר דִיר אוּן פַאר מִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע שׁוּל אַז דוּ זָאלְסְט דַאוֶונֶען בִּיְחִידוּת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוּנְז לָאזְן דַאוֶונֶען רוּאִיג, אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין פַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַלֶעס זָאל גוּט קְלַאפְּן אִין שׁוּל אוּם חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל פוּקְס נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר.

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי און עֶס אִיז דָא מֶער אַרְבֶּעט ווִי אַ גַאנְץ יָאר אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן מִיט שְׁלֹמֹה יַאקָאבָּאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן אִין שׁוּל מִיט קָאכְן עֶסְן פַאר דִי סְעוּדוֹת און מִיט אוֹיסְטֵיילְן וְכוּ׳.

אוֹיךְ אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, וַוייל דוּ אַלֵיין וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן דִי אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵימוּת, עֶס קוּמְט אַן עוֹלָם און זַאכְן דַארְפְן קְלַאפְּן, און אַז דוּ וֶועסְט הָאבְן אַפָּאר אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גְרֵייט מְשַׁמֵשׁ צוּ זַיין דוּרְכְאוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג - וֶועסְטוּ קֶענֶען אַהֶער שְׁטֶעלְן אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן.

גֶעב אַכְטוּנְג אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט עֶסְן אִין שׁוּל זָאל דִי כַּשְׁרוּת זַיין אוֹיפְן הֶעכְסְטְן סְטַאנְדַארְט; פְלֵייש - און יֶעדֶע פְלֵיישִׁיגֶע מַאֲכָל - קֶען נָאר זַיין פוּן ׳בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ פְלֵייש׳ אָדֶער פְלֵייש פוּן ׳קְהִלַּת סַאטְמֶער׳; קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע פְלֵייש קֶען נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, אֲפִילוּ מֶען בַּאקוּמְט עֶס אוּמְזִיסְט וְכוּ׳; אִיךְ מַאךְ דִיךְ אַ שְׁלִיחַ אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן מְנַדֵב זַיין דִי יָארְצַייט סְעוּדָה און דִי אַנְדֶערֶע סְעוּדוֹת. אִיךְ גֶעדֶענְק לַ״ג בָּעוֹמֶר הָאסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין גֶעמַאכְט, הָאסְט סֵיי צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי גֶעלְט, און סֵיי גֶעקָאכְט; עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, אִיךְ הָאף אַז חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וֶועסְטוּ אוֹיךְ אַלֶעס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת פַּאר דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר דַאנְקֶען פַּארְן הֶעלְפְן אִין אוּמַאן בַּיי אוּנְז אִין קָאךְ מִיט אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדוֹת פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי יֶעצְט קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דִי יָאר אוֹיךְ קֶענֶען הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדוֹת חוֹל הַמּוֹעֵד; סֵיי בַּיים רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט, אוּן אוֹיךְ דִי יָאר וֶועט זַיין אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א גֶעבְּט אַרַיין אַ סֵפֶר תּוֹרָה, מִיר דַארְפְן צוּשְׁטֶעלְן אַ סְעוּדָה לִכְבוֹדָהּ שֶׁל תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ לֵיל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה.

אִיךְ וִויל פוּן דִי יָאר אוּן וַוייטֶער מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן מִיט גֶעבְן פְרִישְׁטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד אִין דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ סוּכָּה, דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט; אָנְגֶעהוֹיבְן הָאט זִיךְ עֶס אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶער עוֹלָם, צְוֵויי מִנְיָנִים, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען גֶעמַאכְט אִינְאֵיינֶעם שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה; הַיינְט אִיז שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶער דִי זַאךְ; אָבֶּער דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי׳ן דָאס ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן, אוּן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיטְן שַׁמָּשׁ יִשְׂרָאֵל נֵרוֹ יָאִיר, אוּן אוֹיךְ דִי צְוֵוייטֶע טֶעג וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם - זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִידוּשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער עִיקָּר אִיז דָאס קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען הֶעלְפְט אִין אַ שׁוּל דַארְף מֶען קֶענֶען לַיידְן, שְׁוַוייגְן אוּן פַארְנֶעמֶען. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, יד): ״וּ׳מִשְׁמָע׳ וְ׳דוּמָה׳ וּ׳מַשָּׂא׳״, מֶען דַארְף קֶענֶען ׳הֶערְן׳, ׳שְׁוַוייגְן׳ אוּן ׳פַארְנֶעמֶען׳.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### רֶעדְן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה אוּן רֶעדְט נִישְׁט זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

רֶעדְט נִישְׁט פוּן זַאכְן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לג.) אַלֶע וֵוייסְן וָואס טוּט זִיךְ וְכוּ׳, אָבֶּער דֶער וָואס רֶעדְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל וְכוּ׳ - וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גֵיהִנוֹם; דָאס רֶעדְן מִיט חַבֶרְ׳טֶעס פוּן זַאכְן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וְכוּ׳ - אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּגַם פַאר דִי נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַ גוּטֶער שְׁלִיחַ צוּ הֶעלְפְן אַייךְ בְּרֶענְגֶען אַייעֶר שִׁידוּךְ, אָבֶּער דָאס גֵייט בִּתְנַאי אוֹיבּ אִיר רֶעדְט מֶער נִישְׁט פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט שֵׁיין אוּן אֵיידְל צוּ רֶעדְן, וַוייל נָאר אוֹיף דֶעם תְּנַאי וֶועל אִיךְ אַייךְ בַּאגְלֵייטְן אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן אִיךְ זָאג דָאס פַאר אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת, נָאר בִּתְנַאי אַז מֶען אִיז אֵיידְל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל - וֶועל אִיךְ זַיין אַ הִילְף פַאר דִי שְׁטוּבּ; וַוייל אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל.

אַ זִיסֶע יָאר מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

### ווי מֶער שְׂכַר לִימוּד, אַלְץ מֶער שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**רְפָאֵל פוּרְסְט נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער מוֹסְדוֹת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֶען אַז אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן בַּיי אוּנְז

אִין מוֹסָד זָאלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת פוּן 'פַאלְשֶׁע רַחְמָנוּת' - לָאזְן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אָן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; וַוייל וְויסְן זָאלְסְטוּ, וְוי מֶער דוּ וֶועסְט נֶעמֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן 'שְׂכַר לִימוּד' אַלְץ מֶער שֶׁפַע וֶועלְן זֵיי הָאבְן, וַוייל אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט 'שְׂכַר לִימוּד' פַארְלִירְט מֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט; נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס מֶען גֵייט הָאבְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר - פַארְשְׁרַייבְּט מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה", אוֹיסֶער וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן אוֹיף 'שְׂכַר לִימוּד', "שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", וָואס אוֹיב מֶען פַארְמִינֶערְט - טוּט מֶען פַארְמִינֶערְן דִי פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיב מֶען צָאלְט מֶער - טוּט מֶען פַארְמֶערְן דִי פַּרְנָסָה.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען בַּאשְׁרִיבְּן פוּן דִי נְסִיעָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, דִי נְסִיעוֹת קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין שְׁנַת תשי"ב (סֵפֶר דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ), אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶלְטֶערְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז מֶען בֶּעט צוּ סַאךְ שְׂכַר לִימוּד, הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז פַארְקֶערְט וְוי עֶנְק קוּקְן דָאס אָן, אַז עֶנְק וֶועלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד וֶועלְן עֶנְק הָאבְן מֶער אוּן מֶער, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (בֵּיצָה, שָׁם) 'וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ'".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֶע אַז אַלֶע זָאלְן צָאלְן אִין צַייט, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## בָּארְג נִישְׁט, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דַיין טִיקֶעט אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס טִיקֶעטְס אוּן דוּ גֵייסְט יֶעצְט בָּארְגְן גֶעלְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי הוֹצָאוֹת הַדֶּרֶךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט; אַנְשְׁטָאט בָּארְגְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן הִילְף, בֶּעט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אוֹיךְ פְרֶעמְדֶע, וֶוער עֶס וִויל דִיר הֶעלְפְן קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן; אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן וֶועסְטוּ הָאבְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

רוּף אַלֶע דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי וִוילְן דִיר הֶעלְפְן צָאלְן דַיין טִיקֶעט אוּן דוּ וֶועסְט זֵיי אִינְזִין הָאבְן בַּיים רֶבִּי׳ן.

בָּארְג נִישְׁט, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג חוֹבוֹת; בָּארְג נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס שְׁרַייבְּט אִין דִי כְּתוּבָּה אַז עֶר וֶועט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אַז אַ פְרוֹי וִויל אַרְבֶּעטְן, זִי וִויל הֶעלְפְן אִיר מַאן, אָדֶער אַז עֶס הֶעלְפְט אִיר אַז אִיר טָאג זָאל זַיין מְסוּדָּר וְכוּ׳ - מֶעג זִי אַרְבֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ אַ פְרוֹי וָואס וִויל זַיין אַ טִיטְשֶׁער, זִי הָאט אַ רָצוֹן צוּ הֶעלְפְן מֵיידְלֶעךְ, זִי וִויל הֶעלְפְן אִין סְקוּל - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב; אָבֶּער אַז אִיר

שְׁפִּירְט אַז אִיר פַאלְט פוּן אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת, אִיר דַארְפְט הָאבְּן פַאר אַייעֶר גֶעזוּנְט אַ צַייט נָאכְמִיטָאג צוּ שְׁלָאפְן, אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ חַזֶר'ן אֱמוּנָה, דָאס גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁלָאף וָואס רוּט אוֹיס אוּן שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוֶוען. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ה): דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; ווייל עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע פַּיין, אוּן דִי פַּיין קוּמְט נָאר פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, ווייל אַז מֶען פַאלְט פוּן דִי אֱמוּנָה - קוּמְט אָן דִי שְׁטַארְקֶע פַּיין, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט הֵיילְן דִי פַּיין אוּן צַעַר; נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין, נִישְׁט קַיין תְּפִילוֹת, אוּן נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת, נָאר אֵיין רְפוּאָה אִיז דָא - אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֶעלְפְן זַיין מִיט דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן, בַּיים דַאוְוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט חֵדֶר.

טְרַייבּ אַוֶועק דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן דִי בִּלְבּוּלִים אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ לֵייגְן דִי כּוֹחוֹת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען גֵייט צוּם צִיּוּן הָאט מֶען נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת, מֶען קוּמְט וִוי אָן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע שְׁמַאטֶע, אִיז אֶפְשָׁר אָפְּלָאזְן דָאס זַיין מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טְרַייבּ זֵיי אַוֶועק, דָאס זֶענֶען נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואס וָואלְטְּסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מוֹהֲרָא"ש - וָואס אִיז גֶעוֶוען

אוּנזֶער מְלַמֵד – וָואלְט גֶעטְרַאכְט אוֹיבּ עֶס לוֹינְט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן צַייט אִין אוּמַאן פַאר דְרָשׁוֹת אוּן פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אִין דִי צַייט וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט מֶער זַיין בַּיים צִיוּן; וִוי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען? וָואס וָואלְט פוּן אוּנְז גֶעוֶוען? טְרַייבּ זֵיי אַוֶועק, דִי בִּלְבּוּלִים אִיז נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קוּם אוֹיף מִיט נָאךְ גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען מִיט וָואס מֶען קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

...

### דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אֱלִיעֶזֶר שֶׁמֶן נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט דִי מוֹסָד, אוּן מִיט אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט, אוּן אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בְּלַייבְּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע סוּכָּה בְּרֶעטֶער פוּן שְׁטָאט; אִיךְ הָאבּ סוּכָּה בְּרֶעטֶער מִיט סְכַךְ בַּיי מַיין שְׁטוּבּ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ ווִיל גְרֶעסֶער מַאכְן מַיין סוּכָּה דָא אִין שְׁטֶעטְל, לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז שַׁיָּיךְ.

בְּנוֹגֵעַ דִי בָּאס דְרַייוֶוערְס וָואס ווִילְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי דִי הַייזֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער וֶוען דִי מַאמֶעס קוּמֶען נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אָנְגֶעטוּן; דָאס דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי וְעַד הַחִינוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ וְעַד הַחִינוּךְ וָואס זֵיי זֶענֶען אַחְרָאִי אוֹיף דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי מוֹסְדוֹת, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחוֹת אוּן זֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת, אוּן הֵיילִיג.

בְּנוֹגֵעַ דִי אֲסִיפָה פַאר דִי בָּאס דְרַייוֶוערְס, זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן זֵיי אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר פַאר דִי יָאר; עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי אִיךְ וֶועל קֶענֶען הַיינְט

נאכט זיצן מיט זיי, איך מיין מען זאל דאס לאזן אויף נאך ראש השנה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה.

...

## געב אכטונג דיין טאכטער זאל האבן גוטע חבר'טעס

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נצבים-וילך, כ' אלול, שנת תשפ"ו לפרט קטן

**... נרו יאיר**

זע אז דיין טאכטער ... זאל זיך חבר'ן מיט גוטע חבר'טעס, דיין טאכטער איז א גאר טייער קינד, איך וויל דו זאלסט היטן אויף איר זי זאל האבן גוטע חבר'טעס, זי זאל ליב האבן צו זיין איידל, זי זאל בלייבן מיט איר תמימות און מיט איר אמונת חכמים; ווייל אויך ביי אונז אין סקול דארף מען זען אז די קינדער זאלן האבן חבר'טעס וואס זענען איידל און תמימות'דיג, ווייל אפילו די תלמידות זענען גוט און וואויל, מיינט אבער נישט אז פאר א חבר'טע איז זי גוט.

מען בעט יעדן טאג ביים דאווענען מען זאל ווערן אפגעהיטן: "מאדם רע", פון א שלעכטער מענטש, דאס איז איין סארט תפילה; שפעטער בעט מען אז מען זאל ווערן אפגעהיטן פון א "חבר רע", פון א שלעכטע פריינדשאפט; אמאל קען זיין א מענטש וואס פאר זיך אליינס איז ער גוט, אבער נישט צו זיין א חבר פאר מיר.

אויך זאלסטו לייגן טרערן פאר איר, זי זאל בלייבן תמימות'דיג און ליב האבן איידלקייט.

א זיסע יאר פאר דיר און פאר דיין משפחה.

...

## טֶעלֶעפָאן נָאר צוּ רֶעדְן אוּן צוּ קֶענֶען הֶערְן נִיגוּנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים.

אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אוֹיף דַיין טֶעלֶעפָאן וִוידִיאוֹ, אִיךְ זֶע וָואס גֵייט פָאר צְוִוישְׁן בָּחוּרִים, מֶען מַאכְט אַ וִוידִיאוֹ פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען שִׁיקְט דָאס אַרוּם, אוּן מֶען קֶען אַמָאל כַאפְּן אַ וִוידִיאוֹ פוּן אַ בָּחוּר אוּן דָאס שִׁיקְן פַאר אַנְדֶערֶע אוּן מִיט דֶעם פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא", דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ חַבֶר פַאר אַ רַבִּים פַארְלִירְט דִי עוֹלָם הַבָּא.

נֶעם דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן גֵיי צוּ דִי גֶעשֶׁעפְט וָואס מַאכְט עֶס כָּשֵׁר, נֶעם אַרָאפּ אַלֶעס פוּן דֶעם, נִיץ דִי טֶעלֶעפָאן נָאר צוּ רֶעדְן אוּן צוּ קֶענֶען הֶערְן נִיגוּנִים, אָבֶער נִישְׁט פַאר בִּילְדֶער אוּן וִוידִיאוֹס.

פָאלְג מִיךְ וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צַעַר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**צוּ דִי חָשׁוּבֶ'עֶ מָרַת פְרֵייעֶר תִּחְיֶ', בָּארָא פַּארְק**

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם.

אִיךְ שִׁיק מַיינֶע טְרֵייסְט וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי צַעַר וָואס אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער מִיטְן זִיצְן שִׁבְעָה אוֹיף אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם; אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין שְׁטָאט, אִיךְ בִּין אִין לִיבֶּערְטִי אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רוּפְן

מְנַחֵם אָבֵל זַיין אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן און אִיךְ הָאבּ גֶעלָאזְט אַ הוֹדָעָה.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ אוֹיךְ שְׁרַייבְּן מַיינֶע טְרֵייסְט ווֶערְטֶער, וַוייל אִיךְ און דִי גַאנְצֶע קְהִילָה קוּמֶען אַייךְ אַ הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן פון דִי יְשִׁיבָה וֶוען בְּנֵי בְלִיַּעַל הָאבְּן גֶעוָואלְט פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה מִיט מְסִירוֹת און מַלְשִׁינוּת, און אִיר הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אַ מַלְאָךְ הַמּוֹשִׁיעַ, מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַ מַתָּנָה פון הִימְל צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

דִי אַלֶע תּוֹרָה און תְּפִילָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פון דִי פְּלַאץ, דָאס זָאל אַייךְ זַיין אַ זְכוּת פַארְן יוֹם הַדִּין, אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט ווִיסְן פון קַיין צַעַר, און אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן און פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

## גֵיי אַ טֶענְצְל, פְרֵייא זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֵיי אַ טֶענְצְל, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, זַיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ טוּסְט, און טוּ אַלֶעס - אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן - אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זוּכְט נָאר אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי ווֶערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ טוֹיטֶער, עֶר אִיז פֶערְטִיג, עֶר לָאזְט זִיךְ נָאךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זוּךְ אוֹיף אִין דִיר עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, און אַז דוּ לִיגְסְט אִין אַזַא יֵאוּשׁ, דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס אִין דִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם וָואס ׳דוּ בִּיסְט אַ אִיד און נִישְׁט קַיין גוֹי׳; און דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אֲפִילוּ אִין דִי טִיפֶע עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אָפְּפְרֶעגְן, וַוייל אַ גוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, און צִי דוּ ווִילְסְט יָא אָדֶער נִישְׁט - אַ אִיד בִּיסְטוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי בְּעַצְבוּת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְחַיֶּ' זַיין מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶועְן מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'; קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה (סוֹף סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי בָּחוּרִים אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַז אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דְרֵיי זִיךְ מִיט זֵיי אוּן זֶע זֵיי זָאלְן אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, אָדֶער זַיין בַּיים צִיּוּן אָדֶער זַיין אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן. אוֹיךְ בַּיים דַאוֶּוענֶען וֶוען אִיךְ דַאוֶּוען בַּיים עָמוּד אִיךְ בִּין דֶער חַזָּן - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן זֶען וָואס גֵייט פָּאר, אוּן אַז דוּ זֶעסְט בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ זֵיי אַרַיינְרוּפְן. וַוייל וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי בַּיים עָמוּד, אִיךְ בִּין בַּעַל תְּפִילָּה אוּן אִיךְ זֶע אַז דִי בָּחוּרִים פֶעלְן, זֵיי זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין וַוייל אִיךְ בִּין בַּעַל תְּפִילָּה, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן, אוֹיךְ מִיט דִי אַנְדֶערֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל אוּן אַהֵיים גֵיין מִיט הוּט אוּן רֶעקְל, לֶעצְטְנְס זֶע אִיךְ אַז בָּחוּרִים הַאלְטְן דִי הוּט אוּן רֶעקְל אִין יְשִׁיבָה, אוּן גֵייעֶן אוּן קוּמֶען אָן דִי הוּט אוּן רֶעקְל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל אַזוֹי זַיין, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ דָאס

אוֹיסְנֶעמֶען מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען און גֵיין מִיט הוּט און רֶעקְל.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ נִישְׁט זֶען אִין יְשִׁיבָה סְנִיקֶערְס; אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין מִיט דִי שִׁיךְ וָואס מֶען גֵייט אִין דִי חֲסִידִי'שֶׁע יְשִׁיבוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס רֶעדְן צוּ דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אִין שְׁטֶעטְל און מִיט מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ נִישְׁט פַאְרלִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין טָרוּד יֶעצְט עֶרֶב אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן מַמָּשׁ אַפָּאר וֶוערְטֶער; דִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף דִי וֶועלְט פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נְסִיוֹנוֹת, און מֶען מוּז זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וַוייל ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער אִיז נָאר צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן, און אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם דוּ וֶועסְט זִיךְ פַּארְלִירְן און רֶעדְן אָדֶער טְרַאכְטְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה.

דָאס אִיז בְּעִיקָּר דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת; שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ, זַיין אֱמוּנָה; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט (עַיֵּין קִיצוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַשָּׁלֵם חֵלֶק א', סִימָן ו): "הָעִקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

גֶעזֶעגְן זִיךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס; און אוֹיב עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער יֶעצְט עֶרֶב דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דָאס צוּ טוּן בֵּין כִּסֵּא לֶעָשׂוֹר, נָאךְ פַאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ.

זֶע צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּמַאן אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער אַ קִיטְל; בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ גֵיין וַוייס אָנְגֶעטוּן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זַיי פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, אוּן אַז מִיר וֶועלְן דִי שַׁבָּת זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַהֲבָה אִין שְׁטוּבּ - וֶועלְן מִיר פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן דִי יָאר.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן אוּנְז מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם, מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ אוּן פַארְמֶערְן לִיבְשַׁאפְט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר פַארְרֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע יָאר.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ אִין שְׁטוּבּ פַאר דַיין וַוייבּ, טְרַאכְט: 'אִיךְ בֵּייג אַיין מַיין קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה', אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת פוּן זוּכְן אוֹיפְצוּאוַוייזְן אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אוּן זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת, אַלֶע וֵוייסְן אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אוּן אַלֶע וֵוייסְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אוּן וָואס אִיז יֶעצְט? אוּן וָואס אִיז יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט? עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְוַתֵּר, עֶנְדֶערְשׁ זַיי קְלוּג אוּן זוּךְ ווִי דוּ קֶענְסְט אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן טְרֶעף אִין אִיר דָאס גוּטְס.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת, דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען קוּמְט מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת, מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת בַּיי חֲצוֹת. בְּרֶענְג דַיינֶע עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער לֵייג שְׁלָאפְן, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר

דַיין מִשְׁפָּחָה, און אויך בֶּעט איך דִיר אַ טוֹבָה זָאלְסְט מִיךְ מַזְכִּיר זַיין אִין דַיינֶע תְּפִילּוֹת: יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַסַאךְ תְּפִילּוֹת, און אויךְ בַּיים צִיּוּן בַּיים רֶבִּי'ן מֶעגְסְטוּ מִיךְ מַזְכִּיר זַיין, ווִי נִישְׁט הָאבּ אִיךְ אַ חֵלֶק אִין דַיין קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר מִיר, און אִיךְ וֶועל דַאוֶועגֶען פַאר דִיר, סַיי אִין אוּמַאן און סַיי בַּיי אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג און פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען שִׁיקְט אַ קִינְד צוּ בֶּעבִּיסִיטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

שִׁיקְט נִישְׁט אַייעֶר קִינְד אִין אַ פְּלֶעי גְרוּפּ וָואס אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָארְט גֵייט פָאר, אויךְ נִישְׁט צוּ בֶּעבִּיסִיטְן; וַוייל וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס פַאר אַ הֶכְשֵׁרִים זֵיי נִיצְן?

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר מִיט וֵוייטָאג אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין קִינְד בֶּעבִּיסִיטְן, און וֶוען עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דָאס קִינְד - זֶעט עֶר נִישְׁט מֶער און נִישְׁט וֵוייניגֶער אַז דִי בָּאטְל מִילְךְ אִיז חָלָב עַכּוּ"ם רַחֲמָנָא לִצְלָן; קוּמְט אוֹיס אַז זַיין קִינְד אִיז גֶעפִיטֶערְט גֶעוָוארְן מִיט חָלָב עַכּוּ"ם.

הִיטְס אויף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, און אַ שְׁטְרַיימְל און בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר, עֶס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען קֶען דָארְט שִׁיקְן, וְדַי לְחַכִּימָא...

גֶעבְּט אַכְטוּנְג.

...

## טְרָאג מִיט דִיר וואו דו גֵייסְט אַ קְלֵיין תְּהִילִים'ל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' שָׁבוּעַ שֶׁחָל בּוֹ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון, מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף דִי נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הַמְתָּקַת הַדִּינִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא), אוּן צוּ טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה (שָׁם, סִימָן ריא), דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַלֶע זָאלְן קוּמֶען; דִי לֶעצְטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט דִי לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְ'ס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן".

טְרָאג מִיט דִיר וואו דו גֵייסְט אַ קְלֵיין תְּהִילִים'ל, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים, זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין גוּט אוּן טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְכְדֶעם, אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דַּיָּנִים שֶׁפּוֹסְקִים שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לְבָרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת מוֹפְתִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב הַגָּאוֹן רַבִּי ... שְׁלִיטָ"א**

יְיַשֵׁר כֹּחַ גָּדוֹל עַל כָּל מַה שֶּׁכְּבוֹד תּוֹרָתוֹ עוֹשֶׂה לְחַזֵּק אֶת הַתַּלְמִידִים וְהָאַבְרֵכִים שֶׁל קְהִלָּתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה, בִּפְרָט עַל הַחִזּוּק לְלוֹמְדֵי הַכּוֹלֵל, וּבְעִקָּר אֶת הָרֹאשׁ הַכּוֹלֵל, דַּיָּן דִּקְהִלָּתֵנוּ שְׁלִיטָ"א.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, וַאֲבַקֵּשׁ מִמַּעֲלַת כְּבוֹד תּוֹרָתוֹ לְהַזְכִּירֵנוּ בִּתְפִלּוֹתָיו, וּלְבָרֵךְ אוֹתִי וְאֶת כָּל מִשְׁפַּחְתִּי בְּשָׁנָה טוֹבָה וּמְבֹרֶכֶת, וְיָדוּעַ מָה שֶׁרַבֵּינוּ זַ"ל אָמַר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מא), דַּיָּנִים וְרַבָּנִים שֶׁפּוֹסְקִים שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לְבָרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת מוֹפְתִים, "בִּבְחִינַת (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, יב): 'מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ'".

הַחוֹתֵם בְּאַהֲבָה, וּמֵהַכָּרַת הַטּוֹב.

...

### זִי דַארְף פוּן דִיךְ, זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' שָׁבוּעַ שֶׁחָל בּוֹ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ; אַז זִי פְרֶעגְט דִיר שְׁאֵלוֹת - עֶנְטְפֶער אִיר, אוּן אַז זִי ווִיל גֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט - זָאלְסְטוּ אִיר נֶעמֶען; זִי דַארְף דִיךְ נִישְׁט פַאר טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, זִי דַארְף 'דִיךְ', זִי דַארְף פוּן דִיךְ, דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער ווִי אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ בַּאוַוייזְן דֶעם פָּנִים פַאֲרְן רֶבִּי'ן? און אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ - אִיז דָאס דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, און אַז דוּ קֶענְסְט אִיר נִישְׁט לַיידְן - אִיז דָאס דַיינֶע מִידוֹת וָואס דַארְפְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

אִיךְ זֶע ווִי דוּ הָאסְט סַבְלָנוּת פַאר מֶענְטְשְׁן, דוּ שְׁמֵייכְלְסְט צוּ אַלֶעמֶען, דוּ בִּיסְט שֵׁיין און וַוארֶעם צוּ אַלֶעמֶען, נוּ לֵייג צוּ נָאךְ אֵיין מֶענְטְשׁ, דַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידֶענֶע וָואס דַארְף פוּן דִיר גָארְנִישְׁט - נָאר אַ שְׁמֵייכְל און אַ גוּט וָוארְט.

אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוֹיפְן וֶועג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' שָׁבוּעַ שֶׁחָל בּוֹ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיפְן וֶועג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, גֵיי מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, און אִין עֶירְפָּארְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן זוּכְן מְצִיאוֹת, וַוייל אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק וֶועגְט אִיבֶּער אַלֶע מְצִיאוֹת, מֶען קֶען מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

דִי נְסִיעוֹת וָואס מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, מֶען פָארְט פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן לַאנְד, בִּפְרַט דִי לֶעצְטֶע יָארְן אִין דִי צַייט פוּן מִלְחָמָה, וֶוען מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן, מֶען אִיז מְתַקֵּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס נְשָׁמוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פה), אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְתַקֵּן

זַאכְן, אוֹיב גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַכְטוּנְג אוּנְטֶערְוֶועגְנְס נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת - אִיז עֶר אִיבֶּעְרָאל וואוּ עֶר גֵייט - מְתַקֵּן נְשָׁמוֹת.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ זֶעקְל סְפָרִים, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ תְּהִלִּים, סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכַדוֹמֶה, אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּה זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן 'סִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו', עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן

**לְכָבוֹד...**

אִיךְ גֶעבּ דִיר דֶעם סֵפֶר אַלְס אַ גֶעשַׁאנְק פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער קֶרֶן הַדְפָּסָה צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פַאר דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, וּבְעִיקָר זָאלְסְטוּ פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן "בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים", דָאס מֵיינְט - דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן 'סִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים' פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וואוּיל אִיז דִיר פַארְן אִיבֶּערְדְרוּקְן סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם אִין אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ו', עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מָרְדְּכַי הֵיימְלִיךְ נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ אִיבֶּערְדְרוּקְן סֵפֶר אֶרֶךְ

אַפִּים אִין אִידִישׁ; דֶער סֵפֶר אִיז פוּן דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דֶער סֵפֶר הָאט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיז נָאר דָא, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַ שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ זִיסֶע יָאר, נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת, וּבְעִיקָר זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן וַוייטֶער מִיט דִי גֶעפִיל צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פַאר דִי וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זַיי יֶעדְן מוֹחֵל וֶועט מֶען דִיךְ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען נֶעכְטְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג, אִיךְ ווִיל דִיר נָאר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

זַיי יֶעדְן מוֹחֵל וֶועט מֶען דִיךְ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין, וַוייל ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ פוּן הִימְל מִיט אִים; מִיר אַלֶע וַוארְטְן יֶעצְט מֶען זָאל אוּנְז פַארְזִיגְלֶען אַ גוּט יָאר, דַארְפְן מִיר טוּן עֶפֶּעס אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער וֶועג, אַזוֹי וֶועט מֶען מִיט אוּנְז אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן וֶועג אוּן אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן אוּן פַארְזִיגְלֶען אַ גוּט יָאר. וַוייל מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לד, יד), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ טְרִיקֶענִישׁ, אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי תַּנְחוּמָא עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער, הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט מֶען זָאל עוֹסֵק

זַיין אִין צְדָקָה און גְמִילוּת חֶסֶד, דָאס וֶועט צֶעבְּרֶעכְן דִי גְזֵירָה. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב מִיט דִי גוּטֶע כַּוָונָה צוּ טוּן חֶסֶד און עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן זַיין גֶעוֶועזֶענֶע ווייבּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ פוּן אִיר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶע'גֶט, און זִי הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ, צֶערִיסְן און צֶעשְׁלִיסְן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט און אִים גֶעבֶּעטְן: "טוּ מִיט מִיר אַ צְדָקָה, גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס גֶעלְט, ווייל פוּן וֶוען דוּ הָאסְט מִיךְ גֶע'גֶט - לַייד אִיךְ זֵייעֶר", און דֶער אִיד הָאט אִיר גֶעגֶעבְן צְדָקָה; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דִי שֵׂכֶל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַיין גְרוּשָׁה, און דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן טְרַאכְטְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִין פַאר אַן עֲבֵירָה, אִיז מֶען דָאס גֶעגַאנְגֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צַדִיק רֶבִּי תַּנְחוּמָא, און דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶערוּפְן און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "רֶבִּי אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ טוּן חֶסֶד און צְדָקָה און אַזוֹי וֶועלְן מִיר צֶעבְּרֶעכְן דִי גְזֵירָה, און וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס זוּכְן מִיט וֶועם אִיךְ קֶען מַאכְן אַ צְדָקָה הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפוּנֶען, און זִי אִיז מִיר גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, און אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט אִיר צְדָקָה"; וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי תַּנְחוּמָא הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל און גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַה דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ נַאטוּר פוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אַנְדֶערֶע, און זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ מִיט אַזַא פַּאסִירוּנְג - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זַיין נַאטוּר און גֶעטוּן דִי צְדָקָה וָחֶסֶד, אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים און מִיר זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער - הָאבּ אוֹיף אוּנְז רַחְמָנוּת און גֶעבּ אוּנְז רֶעגְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן"; און עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן און עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס הוּנְגֶער.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי גְרֶעסְטֶע דִינִים און שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת דוּרְךְ טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, און דוּרְךְ מוֹחֵל זַיין אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שְׁפְּרִינְג אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן, אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר זֵייעֶר פְרֵייעֶן".

דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וָואס קוּמְט, שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, שַׁבָּת פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - עֶנְדִיגְן מִיר נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, מִיר זֶענֶען מְסַיֵּים מַסֶכֶת חוּלִין, אוּן זוּנְטָאג עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶכֶת בְּכוֹרוֹת. לִיבֶּער בְּרוּדֶער כַאפּ זִיךְ מִיט, שְׁפְּרִינְג אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וַוייל דִי יָאר תשפ"ז, אִין חוֹדֶשׁ סִיוָן - וֶועלְן מִיר אִינְאֵיינֶעם מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס; אַ שָׁאד אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אוּן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

בַּיי דִי דְּרָשָׁה אִין אוּמַאן הָאבְּן מִיר זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אִין לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

קוּק אַרֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי

לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען; אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל,

וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ׳", ווייל אָז מֶען גְעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט ווַייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ ווֶען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

ווֶען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי ווֶען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע ווָארְט, ווָאס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ׳.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גְעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, ווֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר ווֶעט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

בְּרוּדֶער, טַאנְץ אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאן, אוֹיפְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּאן פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אוּן אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים;

וֶועט דִיר זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת; מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר זֵייעֶר פְרֵייעֶן״.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, דִי הַיינְטִיגֶע טָאג רוּפְט מֶען: ״שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת״. זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין וַוייבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן תַּשְׁלִיךְ (מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעזָאגְט תַּשְׁלִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי׳ן). אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה שְׁלָאגְן כַּפָּרוֹת, וַוייל דֶער מִנְהָג פוּן כַּפָּרוֹת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס נֶעמְט אַרָאפּ דִי דִינִים. מֶען מַאכְט פַאר יֶעדֶע קִינְד, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען הָאט גוּטֶע נֵייעֶס מַאכְט מֶען בַּאזוּנְדֶער וְכוּ׳.

אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמוּטְשֶׁען, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ קוּמְסְט פוּן אוּמַאן, דִי וֶועג אַהֵיים אַלֵיינְס הָאט גֶענוּמֶען אַזוֹיפִיל שָׁעָה מִיט אַזוֹיפִיל מִי, אָבֶּער אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין שְׁוֶוער ווְאוֹינֶען אִין דַיין שְׁטָאט, אוּן עֶס אִיז דִיר נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טִרְחָא - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן זִיךְ לָאזְן בֶּענְטְשְׁן בַּיי זֵיי.

אוֹיךְ יֶעצְט וֶועט מִיר זֶענֶען נָאךְ אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן - זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן אוּן זָאג תְּהִלִּים, אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל דִי טֶעג זֶענֶען טֶעג פוּן רַחְמָנוּת, מֶען קֶען פוֹעֶלְ׳ן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת מט:)

אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נה, ו): "'דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב', אָמַר רַב נַחְמָן אָמַר רַבָּה בַּר אֲבוּהָ אֵלּוּ עֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים"; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ, און יוֹם כִּפּוּרִים פַארְזִיגְלְט מֶען דֶעם פְּסַק, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה מִיר זָאלְן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן און אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

# מהדורת אפפענהיים

## הספר הקדוש הזה נתנדב
## לזכות

מוה"ר **יואל אפפענהיים** הי"ו

וזוגתו **שרה רבקה** תחי'

וילדיהם

**נחמן נתן, רייזל, בנציון.**

שיחיו

**לרגל שמחת הולדת בנם למזל טוב**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# זכות הפצה

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **נתן קורץ** הי"ו

וזוגתו **פנינה חנה** תחי'

וילדיהם

**אדל יהודית, אסתר שולמית, תמר מלכה, אליעזר שלמה, אשר אהרן.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# זכות הפצה

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **נחמן נתן מיימוני** הי"ו

וזוגתו **הדסה מלכה** תחי'

וילדיהם

**אליעזר שלמה, יעל, אדל, מיכל,**
**טוהר דינה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון